א. א. וו. ספעציעלע דעלעגאציעס פון אָנגעזעהענע פערזענליכקייטען וועלען באזוכען שטעט און רעדען פאר למוד התורה וחנוך און גלייכצייטיג העלפען אין קאַמפּיין. א שבת אָדער א רגל וועט באַשטימט ווערען אין אלע שוהלען, פון וועלכע אלע הכנסות וועלען זיין פארן קרן התורה.

ב). קרן התורה קאָמיטעטען וועלען געשאפען ווערען אין אלע שטעט, וועלכע וועלען שטעהן אין פארבינדונג מיט דער צענטראלע און דורכפיהרען די דירעקטיוון, וועלכע וועלען זיין אין פארשפרייטען ליטעראטור און העלפען אין אלגעמיין לאָקאַל דעם קה״ת אין זיינע אונטערנעהמונגען. די דאָזיגע קאָמיטעטען וועלען אויך אָרגאַניזירען פּראָוויען־גרופען פאר קה״ת.

ג). פושקעס פון קרן התורה מוזען זיך געפינען אין אלע אידישע הייזער, בלומען־טעג וועלען דורכגעפיהרט ווערען אין אלע גרעסערע מקומות.

דער קאָמיטעט און די ארטס־גרופען דארפען זעהן דאָס דער קרן־התורה זאָל באריקזיכט ווערען פון אַלע די יעניגע, וועלכע שרייבען א צואה, ווייל אייגענטליך איז דאָס די גרעסטע זאך, וואָס א איד קאָן איבערלאָזען לאחר מאה ועשרים שנה, ד. ה. אז מיט זיין געלד וועט ער ערמעגליכען אָרימע קינדער צו לערנען תורה און בייטראָגען צום למוד התורה און צו אידישקייט אין אלגעמיין איבערן לאַנד.

דער קרן התורה, וועט האָבען רעגעלמעסיגע חברים אונטערשטיצער, וועלכע וועלען זיך פארפליכטען צו צאָהלען יעהרליכע אָדער מאָנאַטליכע בייטראגען פאר׳ן קרן התורה.

א ועד הראשי וועט אויסגעקליבען ווערען פון די מעמבערס צו פארוואלטען דעם קרן התורה והדת.